מהנעשה והנשמע

# בחצר הקודש

גליון שבועי פנימי לקהל אנ"ש חסידי סקווירא

פרשת אמור
תשפ"ד

גליון לג
שנה לא

## קול רנה וישועה באהלי צדיקים

ברגשי גיל וחדוה בהדרת כבוד ובחדרת קודש נביע מעומקא דליבא
מזלא טבא וגדיא יאה מול נועם זיו פני עטרת ראשינו ונזר תפארתינו

**כבוד קדושת מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א**

**ולהרה"צ רבי יעקב יוסף חדב"ן שליט"א**

לרגל הנחת תפילין של נינו/נכדו הב' הבר מצוה **חיים מאיר** ני"ו
בן לנכדו/בנו פרע"ח הרב **ישכר דוב האגער** שליט"א

והברכה אחת לזקנים הצדיקים **כ"ק האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי שליט"א**, כ"ק הגה"צ **אבד"ק ראחמיסטריווקא-מאנסי** שליט"א,
והרה"צ ר' **דוד צבי כהנא** שליט"א

יה"ר שירוו רוב נחת דקדושה מכל יו"ח לעטרת תפארת האבות הק',
מתוך רוב שמחה והרחבת הדעת, בבריות גופא ונהורא מעליא

**✵ דברי הדרכה והתחזקות אשר השמיע כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לפני בחורי החמד תלמידים מישיבות שונות מרחבי ארה"ב, שנכנסו לקו"פ במוצש"ק פרשת אחרי העעל"ט אחר הבדלה:**

**ימי הספירה וחודש אייר - הכנה לקבלת והשגת התורה**

דער חינוך (מ"ע שה) ברענגט דאך אז פון דעם ערשטן טאג ספירה הייבט זיך שוין אהן די הכנה צו "קבלת התורה", מ'ציילט די טעג "כעבד ישאף צל".

חודש אייר איז שוין במיוחד מער אן הכנה צו קבה"ת: דער בני יששכר (אייר א, א) ברענגט דאך אז יעדע חודש האט דאך אן אנדערער צירוף, און דער צירוף הוי"ה פון חודש אייר איז 'יתהלל ה'מתהלל ה'שכל ו'ידוע (ירמיה ט, כג). זאגט ער אז ס'שטייט פון אריה"ק זי"ע (שער הכוונות, תפלין דרוש ו) אז דער צירוף פון רבינו תמ'ם תפלין איז אויך

## בתוכן

~ דברות קודש ~
לבחורי ישיבות שונות ............................ א

~ שבעה דנחמתא ~
עם האדמו"ר מבראד ................................ ד
עם הגר"מ ווידער אבד"ק לינז .................. ד
עם הגרמ"א ראזנבוים בעל דרך אמונה...... ה
עם הגרפ"א מאנדלבוים אבד"ק חאנטשין ... ה
עם הגרח"פ שנעבאלג אבד"ק אברכים ...... ז
עם הגרב"ט וועטנשטיין דומ"ץ בעלזא .... ח
עם האדמו"ר מוויען-פלעטבוש .............. ח
עם הגר"י טויבנפעלד אבד"ק חרדים ......... י
עם משלחת עסקני גור ........................... יא
עם האדמו"ר מתולדות מרדכי ............... יא
עם האדמו"ר מסקווירא-פלעטבוש ....... יא
עם האדמו"ר מסערדאהעל ................... יא
עם האדמו"ר חוסט-נדבורנא ק"י.............. יב
עם האדמו"ר מבריזדוביץ ..................... יב

~ בזכרון קדוש ~
פניני שיח עם כ"ק האדמו"ר מביאלא זצ"ל .. יג

~ מבשר ואומר ~
מהנעשה והנשמע מקהילותינו הקדושות...... כד
שבת התעלות של אנ"ש בוומב"ג בראשות הרה"צ הראמ"מ / יום עיון בקרב אנ"ש בבית שמש




**~ עשה למען ירושלים עיר קדשך ~**

קריאה של חיבה אל מע"כ אנשי שלומינו היקרים הע"י להוזיל זהב מכיסם ולהשתתף בעין יפה וברוח נדיבה

**במגבית השנתית ב"פסח שני" - לטובת מוסדותינו הק' בירושלים**

**בליל ויום רביעי פרשת אמור הבעל"ט, יומא דהילולא של התנא האלוקי רבי מאיר בעל הנס זי"ע**

**בתרומת 100$ תיכנס בגורל לקבל י"ב מצה מידיו הקדושות של כ"ק רבינו שליט"א - זכיה מיוחדת ונשגבה**
**בתרומת 360$ תקבלו יין כוס של ברכה וכוס של אליהו מליל הסדר, ומשיירי סעודת הבעש"ט מבקבוק היין של מהר"א מטשערנאביל זי"ע**

אלקא דרבי מאיר יעננו ביום קראנו, וזכות החזקת תורת א"י יגן בעדיכם להיוושע בבני חיי ומזוני רויחי וכל מילי דמיטב.

*המחכה לקבל נדבותיכם בידידות וברגשי הוקרה ; **ברוך פרידמאן** - גבאי צדקת רבי מאיר בעל הנס*

די הייליגסטע און וויכטיגסטע: מיין מוסד פאר מיינע קינדער

דער זעלבער צירוף 'יתהלל המתהלל השכל וידוע', און ממילא ווען מ'טוהט אהן רבינו תמ"ם תפלין איז א זמן מסוגל אז מ'זאל קענען צוקומען צו השגת התורה (שער היחודים פ"ה), ווייבאלד דער צירוף איז השכ"ל וידו"ע.

לויט דעם חשבון זאגט דער בני יששכר אז ווייבאלד דער צירוף פון אייר איז אויך דער זעלבער צירוף 'יתהלל המתהלל השכל וידוע', השכ"ל מיינט דאך פארשטיין - איז דער חודש אויך א זמן וואס אויב מ'לערנט קען מען דעמאלס צוקומען צו השגת התורה.

**ע"י פרישה מעבירה - מזמין עצמו לקדושה**

די תורה דארף דאך זיין מיט "טהרה" און מיט "יראת שמים" כמ"ש (שבת לא.) אפילו הכי אי יראת ה' היא אוצרו אין, אי לא לא. צום לערנען תורה דארף מען האבן סיי 'סור מרע' און סיי 'עשה טוב', אז ס'זאל נישט זיין ח"ו 'מה לך לספר חוקי (תהלים נ, טז)'.

דער תולדות יצחק ברענגט עה"פ (ויקרא יט, ב) קדושים תהיו, אז קדושי"ם האט דריי כוונות: קדושי"ם איז פשט קדושה בפשטות, קדושי"ם איז אויך א לשון פרישות מעבירות ווי רש"י זאגט, און קדושי"ם איז אויך א לשון הזמנה כמ"ש (שמות יט, י) וקדשת"ם היום ומחר. דער ציווי פון 'קדושים תהיו' מיינט אז קודם דארף זיין לשון "הפרשה", זיך אפטשעפענען פון אלע עניינים וואס טויגן נישט, און ממילא דורכדעם קען זיין אן "הזמנה" אז מ'זאל קענען צוקומען צו "קדושה", צו די דריטע טייטש וואס איז בפשטות קדושה פון עשה טוב אויך.

ס'שטייט (ויקרא כ, כו) 'ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי', מ'האט געשמועסט אז קודם דארף זיין פרישה פון זאכן וואס טויגן נישט און נאכדעם קען מען צוקומען צו קדושה. טייטשט דער דעת משה אז 'להיות לי' צוקומען צום אייבירשטן, קען נאר זיין אויב קודם איז 'ואבדיל אתכם מן העמים', וואס מער מ'דערווייטערט זיך פון יעדע מעשה העמים, פון די אלע עניינים וואס טויגן נישט, דורכדעם קען מען זיין 'להיות לי' דבוק צום אייבירשטן.

**להחזיק בהתעוררות של קדושה - שלא תפוג ותצטנן**

ס'זענען דאך דא חסיד'ישע בחורים, מסתמא דארף מען דאך נישט רעדן פון זיך דערווייטערן פון די כלים המשחיתים, ס'מאכט דאך חרוב די מחשבה, דעם דיבור און די מעשה ר"ל. מ'דארף נאר נזהר זיין גדר לפנים מגדר מיט אלע גדרים וסייגים, אז מ'זאל אפילו בשוגג נישט צוקומען אמאל צו קיין מכשול ח"ו.

דער תורי זהב ברענגט אויך עה"פ (ויקרא כ, ז)



## קהל ומוסדות חסידי סקווירא - וויליאמסבורג
### בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

ברון שיר ושבח נודה לאלקינו שגמלנו כל טוב בעמדנו אחר ההצלחה הכבירה מעל ועבר כל המשוער עת התאספו כל בני קהילתנו הקדושה כאיש אחד בלב אחד לערוך

# שבת התעלות והתרוממות

בשב"ק פרשת קדושים העעל"ט שהוכתר בסייעתא דשמיא בהצלחה מרובה מתוך עונג וגם שמחה שהורגש היטב בכל שעות השבת מבואו ועד צאתו התפילות, ההתאספות והסעודות, כולל גם מעמדי ההוד בליל ויום ששי ומלוה דמלכה במוצש"ק, כאשר שבנו לבתינו מלאי התרגשות והתרוממות שלא ימושו מאתנו לעד

**בראש וראשון נודה ונהלל למכובדנו האורח הנערץ, בנו בכורו ושליח קדשו של כ"ק רבינו שליט"א**

## מעכש"ת הרה"צ רבי אהרן מנחם מענדיל שליט"א

**שרומם את השבת כולה מעלות רמות והלהיב את לבבנו בתפילותיו וזמירותיו ושיחותיו היוקדות והאיר פניו לכ"א**

לבניו וחתנו החשובים פרע"ח **הרב יעקב יוסף, הרב אריה לייביש טייטלבוים, הרב יצחק, הרב ישראל והרב ישעיה זוסיא שליט"א / אשר השמיעו מדברותיהם בטעם ודעת בשב"ק ובאירועים השונים**

ולמע"כ העסקנים והנדיבים הדגולים שתרמו ופעלו בלו"נ להצלחת השבת והביקור כולו ה"ה

**מוה"ר נפתלי ברוך וועבער הי"ו** - תומך נלהב לכל קדשי קהילתנו ומוסדותינו הק'
**אשר זכה לעשות את ביתו אכסניה של תורה לאורחנו הנעלה הרה"צ הראמ"מ שליט"א**

**מוה"ר דוד חיים הערמאן הי"ו / אשר פעל רבות למען השבת מזה זמן רב ועד צאת השבת העילאית**
וגם לרבות **מוה"ר יוסף צימענד הי"ו / על עזרתו בקודש לאורך כל השבת**

**הגרי"ש מייזליש שליט"א** אבד"ק לימנוב **והגר"א זילבערשטיין שליט"א** דומ"ץ צעהלים
**אשר נשאו דרשות מאלפות ומלהיבות למשתתפי השבת ששתו בצמא את דבריהם הנחמדים**

**ארגון "נשי חסידי סקווירא"**
**שאירגנו מסיבת סעודה שלישית עם תכנית עשירה ומרתקת לבית יעקב אלו מאות הנשים שהתענגו**

**מוה"ר משה לייב רוטנער, מוה"ר אברהם יוחנן פעלדמאן, מוה"ר יעקב יוסף** ברש"ש **קויפמאן, מוה"ר מענדיל ראטהשילד, מוה"ר יעקב יוסף קעניג, מוה"ר משה יונה ברוין ומוה"ר בנימין בראדי שי'**
**אשר התנדבו בעין יפה ותרמו מהונם לחלקים נכבדים של סעודות השבת ושאר ההוצאות**

**מע"כ נדיבי הלב שי' / רוכשי העליות לתורה בצפרא דשבתא להוצאות השבת המרובות**
ועל צבאם **הרב יצחק האגער שליט"א / אשר קנה את עליית ששי לדודו הגדול בסכום עצום**

**המלמדים החשובים שי' / על ניהול תכניות ילדי הת"ת בתפילות, חברת תהלים וסעודה שלישית**

**המנגנים והמשוררים שי' / שהטיבו נגן להנעים את סעודות השבת וכל המעמדים בשירות ותשבחות**

**מוה"ר חיים הערש אונגער, מוה"ר משה דאנא ומוה"ר מרדכי צימענד שי'**
**שהכינו את כל מאכלי השבת בטוב טעם כיד המלך להנאת כל משתתפי הסעודות**

עוזרי הסעודות **מוה"ר משה מנחם ברוין והב' יעקב** ב"ר יקותיאל **אויסטערליץ שי'**
ואתם עמם מוה"ר יצחק אהרן גאלדמינצער, מוה"ר מאיר הערש פרייזלער ומוה"ר חיים משה שווערין שי'

**מוה"ר יצחק טירנויער ובנו מוה"ר יואל שי'** - בעלי אולם "ויואל משה" **/ על מסירותם לסדר הכל**

עדיין שפתותנו רחושי מרחשן ולבינו הומה מהתעוררות התעלות ונועם זיו השבת שזכינו לחזות, ותפלתינו שגורה בפינו שיתלוו עמנו ימים רבים להתרומם תמיד בכל דרכי העבודה מתוך אהבת חברים והתקשרות צדיקים כדת חסידים.

**בשפה ברורה מברכים ומשבחים:**

*הנהלת הקהילה בשם כל משתתפי השבת / מארגני השבת*

*ג"א דייני הקהילה מאחלים ברגשי הוד: יצחק שמעון סג"ל ואלעזר אברהם יעקב ברוך הכהן מנס*

והתקדשתם והייתם קדושים, אזוווי ס'שטייט פון הרה"ק רבי אהרן קארלינער זי"ע עה"פ (תהלים כד, ג) מי יעלה בהר ה' ומי יקום במקום קדשו, אז ווען ס'מאכט זיך אמאל אן עלייה ביי א מענטש דארף מען זעהן אז ס'זאל נישט זיין קיין ירידה נאכדעם נאר ס'זאל זיך אנהאלטן. 'מי יעלה בהר השם' דארף מען זעהן אז ס'זאל זיין 'ומי יקום במקום קדשו'.

פון זקה"ק רבי איציקל סקווערער זי"ע שטייט אויך עה"פ (ישעיה כו, כ) חבי כמעט רגע, אז ס'איז דא אמאל א רג"ע וואס מ'ווערט נתעורר צו קדושה, דארף מען דאס באהאלטן און זעהן אז ס'זאל זיך נישט אויסוועפן.

וזהו 'והתקדשתם' אויב ס'מאכט זיך אמאל אז מ'איז צוגעקומען צו עפעס א קדושה, דארף מען זעהן 'והייתם קדושים' אז ס'זאל בלייבן און ס'זאל נישט זיין קיין ירידה, נאר פארקערט: ס'זאל כסדר זיין מעלין בקודש און מוסיף והולך.

דער אייבערשטער זאל העלפן הצלחה און סיעתא דשמיא, מ'זאל זיך טאקע קענען צוגרייטן מקבל צו זיין די תורה מיט אלע השפעות טובות.

ועברו **בחורי החמד** בסך לקבל את ברכת הקודש בפרטות להתמדה ויראת שמים.

# שיחות קודש

**❋ תוכן שיחות ומאמרי קודש, דברי חיזוק ויסודי אמונה, עובדות וסיפורים יקרים, בעת ביקורי התנחומים של גדולי ישראל שליט"א אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א על פטירת הרבנית הצ' ע"ה.**

**<u>ליל רביעי פרשת תצוה:</u>**

**האדמו"ר מבראד הרה"צ ר' משה יהושע מיכלאוויטש שליט"א:**

**אדמו"ר שליט"א:** כ'געדענק אז דער טאטע ז"ל האט מיר געשיקט בשליחות צו די חתונה פון אייער טאטן [כ"ק האדמו"ר ר' אברהם מראדוויל זצ"ל]. ס'נישט געווען קיין סאך מאל, אפשר כמעט נישט וואס דער טאטע ז"ל האט מיר געשיקט כ'זאל גיין צו א חתונה. צווישן די בחורים זענען נישט געווען קיין סאך וואס זענען געווען אזעלכע חשוב'ע בחורים אזוווי איהם. ממילא אלס 'קרוב' און מיט 'דעם' צוזאמען, האט ער מיך געשיקט...

**האדמו"ר מבראד:** מיין זיידע [כ"ק האדמו"ר רבי שלום מבראד זצ"ל] האט זיך געקענט מיט'ן רבי'ן ז"ל נאך פון יאס[א].

**אדמו"ר שליט"א:** יא, כ'געדענק אז זיי האבן זיך געקענט פונדערהיים. בכלל איז ביים טאטן ז"ל געווען א שטארקע חשיבות אן "אוסטראה'ער איניקל".

**האדמו"ר מבראד:** מיין עלטער זיידע דער בענדערער רבי הרה"ק רבי משה יהושע זצ"ל איז אויך נאך געווען נאנט מיט'ן רבי'ן ז"ל אין ראמעניע[ב].

**אדמו"ר שליט"א:** פון טשערנאביל זענען געווען היבש קרובים, אבער פון די מאמע'ס צד האט ער נישט געהאט צופיל קרובים, ממילא איז געווען ביי איהם א חשיבות אן אוסטראה'ער אייניקל.

**האדמו"ר מבראד:** דער בענדערער זיידע זצ"ל איז געווען אן אייניקל פונעם צווייטן הרה"ק רבי יעקב יוסף מאוסטראה זי"ע אויך.

**אדמו"ר שליט"א:** דער טאטע ז"ל האט דאך געהייסן נאך איהם.

**הרה"ג ר' מאיר ווידער שליט"א אבד"ק לינז בב"פ**

**אבד"ק לינז:** ס'שטייט דאך (יומא עח:) אז א מלך פירט זיך נישט געוויסע ענייני אבילות אלס 'מלך ביופיו תחזינה עיניך (ישעיה לג, יז)'. מ'דארף זעהן דעם רבי'ן אויף שמחות!

---

א. ראה גליוננו (סוכות תשע"ה עמ' יב) שסיפר האדמו"ר ר"א מראדוויל זצ"ל: "אבי האדמו"ר ר"ש מבראד זצ"ל הגיע פעם ליאס למשך כמה ימים, ושם נפגש עם כ"ק מרן זי"ע. אבי ז"ל הגיע לשם לבקר את דודו הרה"ק רבי מנחם נחום מרגליות זצ"ל משטעפינעשט-יאס, גיסו של חותנו הרה"ק רבי משה יהושע לאנדמאן מבענדער זצ"ל, ששניהם היו חתני הרה"ק רבי מרדכי זוסיא מיאס-הוצעליס זי"ע".

ב. ראה גליוננו (שם עמ' יד) שסיפר האדמו"ר ר"א מראדוויל זצ"ל: "זקני אבי-אמי הרה"ק רבי משה יהושע מבענדער זצ"ל כבר היה בידידות עם מרן זצ"ל. הוא התגורר בבענדער, והיה ש"ב שני בשני של הרבי ז"ל, כי זקני היה נכד הרה"ק רבי אברהם ומרן ז"ל היה נכד הרה"ק רבי אליקים געציל - שניהם בני הרה"ק רבי יעקב יוסף השני מאוסטראה זי"ע. אמי הרבנית ע"ה התגוררה אז למשך תקופה בבית דודה הרמ"נ מרגליות מיאס הנ"ל, ואז שיגר מרן זי"ע עם אמי ע"ה למסור לאביה הרבי מבענדער דף מצוייר בכתי"ק מעשה אומנות עם ציורי החשבונות הסבוכים של הרע"ב והתוספות יו"ט בפרק ג' דמסכת כלאיים עם חידושים משלו. כעבור שנים כאשר ביקרו אבי האדמו"ר ואמי הרבנית ע"ה אצל מרן זי"ע בשיכון, שאל מרן ז"ל אותה אם עדיין שמור אצלה אותו דף, אך זה כבר לא היה תחת ידה וחבל על דאבדין. בביקורו של הרבי ז"ל בארה"ק עלה אז לביקור אצל זקני הרבי מבענדער ז"ל".

**אדמו"ר שליט"א:** דער אייבירשטער זאל העלפן. והתעניין על כהונתו בבית מדרשו של אביו הגה"צ ר' אהרן ווידער זצ"ל גאב"ד לינז בבארא פארק, ואמר: א 'מקום שהתפללו בו אבותיו' איז דאך א חשוב'ע זאך.

**הרה"צ ר' מאיר איתמר ראזנבוים שליט"א בן כ"ק האדמו"ר מקרעטשניף-ירושלים שליט"א**

**הגרמ"א ראזנבוים:** מ'האט גערעדט אז מ'דארף זיך זעהן אויף שמחות - שלמה המלך ע"ה איז דאס ממתיק. ער זאגט: 'אח לצרה יוולד (משלי יז, יז)', אמאל ווייסט מען נישט וואספארא גוטער פריינט יענער איז, נעבעך ביי א צרה ל"ע ווערט מען געוואויר אז יענער איז גאר אן 'אח'! מ'זעהט איהם דעמאלס.

מ'פארציילט אז איינער פון די גדולי ישראל איז אמאל געגאנגען מנחם אבל זיין א איד וואס איז איהם נעבעך אוועק א קינד ל"ע. ער איז געזעצן און געזעצן און געזעצן, נאכדעם האט ער געגיבן א פלאץ אויס אין א געוויין, געזאגט דעם פסוק 'המקום ינחם' און ער איז ארויסגעגאנגען. שפעטער פרעגט איהם א תלמיד: רבי, וואס איז פשט אין די מעשה? זאגט דער גדול: "ביי מיר איז נאך קיינמאל נישט אוועק ח"ו א קינד, ווי קען איך גיין מנחם זיין א איד וואס איז איהם געשעהן אזא אומגליק? האב איך זיך אוועקגעזעצט און כ'האב מדמיין געווען אין מיין מוח כאילו ס'איז מיר אוועק א קינד ח"ו. האב איך אויסגעפלאצט אין א געוויין אז ס'איז מיר געשעהן ר"ל, און נאכדעם האב איך געקענט מנחם זיין יענעם".

**אדמו"ר שליט"א:** דער אזולאי זי"ע ברענגט די בחינה עה"פ (ישעיה סו, יג) כאיש אשר אמו תנחמנו כן אנכי אנחמכם, אז ווען סתם א מענטש איז מנחם א צווייטן 'זאגט' ער אז ער איז מנחם, אבער מ'דארף דאך האבן עפעס א שייכות. א מאמע איז דאך ידוע אז זי פילט מיט דעם צער פון א קינד, און ביים אייבירשטן שטייט דאך (תהלים צא, טו) עמו אנכי בצרה און (ישעיה סג, ט) בכל צרתם לו צר. דאס זאגט דער אייבירשטער: 'כאיש אשר אמ"ו תנחמנו' א מאמע פילט דאך זיכער מיט דעם צער פון א קינד, 'כן אנכי אנחמכם' ווייל ער איז עמו אנכי בצרה און ממילא קען ער מנחם זיין.

**הרה"ג ר' פינחס אלחנן מאנדלבוים אבד"ק חאנטשין**

**אדמו"ר שליט"א** התעניין על הרבצת תורתו לבחורים



ואברכים וכו' ובירכו: דאז"ה מ'זאל קענען מקרב זיין לב ישראל לאביהם שבשמים, מקרב זיין און מחזק זיין אפילו די וואס זענען שוין אביסל שוואך ל"ע און זיי דארפן חיזוק.

**אבד"ק חאנטשין:** אמן, דאז"ה מ'זאל קענען. כ'קום יעצט פונעם שיעור דארט. די ישיבה איז אין א געדוונגענע פלאץ אריבער די גאס פון מיר, און לעצטנס האט מען ב"ה געקויפט א בנין פאר ביינאכט. מ'קומט זיך צוזאם דארט יעדע נאכט און כ'גיב שיעורים וכו'.

די רביצין פונעם חאנטשינער זיידע הרה"ק רבי חיים שמואל זי"ע [בת הג"ר יהושע העשיל תאומים-פרענקל מקאמארנא בן הברוך טעם מלייפניק זצ"ל] איז אוועק יונגערהייט ל"ע, און דער זיידע איז געקומען צו די לויה מיט'ן קאלפיק. האט מען איהם געפרעגט צי ס'איז א 'יומא דפגרא' אז ער גייט מיט א קאלפיק?.. האט ער געזאגט: "כשם שמברך על הטובה כך מברך על הרעה (ברכות ט, ה)!". וועגן דעם איז ער געקומען צו די לויה מיט א קאלפיק אזיווי ביי א שמחה.

**אדמו"ר שליט"א:** ס'איז דאך באקאנט פונעם רבי'ן ר' זושא זי"ע, וואס ער האט געענטפערט אז "ער ווייסט נישט פארוואס דער גרויסער מגיד זי"ע האט געשיקט צו איהם זאגן פשט אין 'חייב לברך על הרעה', ווייל ער האט נאך קיינמאל נישט געהאט קיין רעה"..!

באמת מ'האט מיר נאכגעזאגט אז דער שווער ז"ל האט נאכגעזאגט פאר איינעם וואס האט געהאט אן עגמת נפש ל"ע, א קדושת לוי (איכה וט"ב) על מש"א (תפילת 'הכל יודוך' ביום שב"ק) אפס בלתך גואלינו לימות המשיח, אז בעצם די אלע עגמת נפש'ן ל"ע זענען דאך אלעס אן הכנה צו די גאולה וואס דעמאלס וועט זיין אינגאנצן נאר שמחה. נישט יעדער איז דאס משיג אויפ'ן מינוט, אבער דער אייבערשטער ווייסט דאך יא אז 'מפי עליון לא תצא הרעות' און די אלע זאכן זענען נאר אן הכנה.

וזהו 'אפס בלתך' דערוויל דא פארשטייט נאר דער אייבערשטער אז די אלע זאכן זענען אן הכנה צו 'גואלנו לימות המשיח', אבער שפעטער ווען משיח וועט קומען וועט עס נתגלה ווערן און יעדער וועט משיג זיין אז די אלע עגמת נפש'ן זענען אן הכנה צו די גאולה.

מ'זאגט אז ער איז געגאנגען מיט'ן קאלפיק - ווייזט אויס אז ער האט דאס שוין משיג געווען..!

**הגרי"א אונסדארפער** גאב"ד ראשית חכמה מאנטריאל: אין הלל שטייט צוויי מאל 'ובשם השם אקרא', איינמאל שטייט (תהלים קטז, יג) 'כוס ישועות אשא' ובשם השם אקרא, און איינמאל שטייט (שם, ד) 'צרה ויגון אמצא' ובשם השם אקרא. אבער ס'איז דא א חילוק: ביי כוס ישועות אשא איז עס אין איין פסוק 'כוס ישועות אשא ובשם השם אקרא', אבער ביי 'צרה ויגון אמצא' איז א סוף פסוק... דאס הייסט אז ס'איז נישט ממש די זעלבע ווי ביי 'כוס ישועות אשא'! דער אייבירשטער זאל געבן כח, כי אתה הוא בעל הישועות ובעל הנחמות.

**אדמו"ר שליט"א:** דער טאטע ז"ל האט אמאל געזאגט פאר עמיצן, אז ביי 'ויהי אחרי המגיפה (במדבר כו, א)' שטייט אינמיטן פסוק א פסיק [פ'], ס'איז דא דארט א 'פסיק באמצע הפסוק', אז מ'איז זיך טאקע מצער בשעת מעשה, אבער דער אייבירשטער האט געוואלט אז ס'זאל זיין אן הפסקה און מ'זאל קענען באלד אנהייבן נאכדעם פונדאסניי, מ'דארף זיך משתדל זיין אז נאכדעם זאל זיך אנהייבן א נייער חשבון. דער אייבירשטער זאל גיבן די כוחות.

**ואמר רבינו** למחותנו אבד"ק ראשית חכמה: מ'זאגט מיר אז מ'איז געקומען ספעציעל פון מאנטריאל - דארף מען טוהן 'תשובת המשקל' מ'זאל קענען קומען אויף שמחות אויך אי"ה..! כ'מיין נישט קיין תשוב"ת המשקל, אויף א מצוה דארף מען נישט קיין תשובה...

**אבד"ק ראשית חכמה:** קען מען דען בלייבן זיצן אינדערהיים? 'טוב ללכת (קהלת ז, ב)'..!

**הרב יצחק טווערסקי מב"פ:** כ'וואלט געדארפט רעדן, אבער כ'בין געקומען הערן, דאס הארץ רעדט...

**אדמו"ר שליט"א:** דאז"ה מ'זאל קומען הערן בשורות טובות אויך!

**הר"י טווערסקי:** כ'געדענק אז מיין טאטע [כ"ק האדמו"ר מסקווירא-בארא פארק זצ"ל] איז אמאל אריינגעקומען צו איינעם מנחם אבל זיין, ער האט זיך אוועקגעזעצן און געוויינט... ער האט נישט גערעדט קיין ווארט און נאר מנחם געווען און ארויסגעגאנגען. כ'בין נישט אין אזא מדריגה, אבער כ'בין נישט געקומען רעדן...

**אדמו"ר שליט"א:** איהר דארפט נישט זאגן מיט קיין 'דיבורים', איהר האט אסאך געטוהן מיט 'מעשים'!.. דאז"ה מ'זאל עס משלים זיין מיט שמחות טאקע געזונטערהייט.

**<u>יום רביעי פרשת תצוה:</u>**

**הגה"צ ר' חיים שרגא פאוויל שנעבאלג שליט"א רב דקהל אברכים במאנסי:**

**אבד"ק אברכים:** ס'איז דא א חתם סופר עה"פ (ויקרא י, ג) וידום אהרן, זאגט רש"י 'קיבל שכר על שתיקתו'. וואס איז די גרויסע זאך אז ער האט געשוויגן? ביי אהרן הכהן איז דאך דאס א פשוט'ע זאך! זאגט דער חת"ס א מורא'דיגע ווארט: ביי איוב שטייט (איוב א, כא) ה' נתן וה' לקח יהי שם ה' מבורך, ווען מ'לויבט די מעלות פון א נפטר איז עס פון איין וועג א שבח פאר'ן נפטר, אבער פון די אנדערע וועג איז עס א מורא'דיגער צער אז דער נפטר איז שוין נישטא. איז דאס א גרויסע מדריגה אז מ'זאל קענען לויבן דעם נפטר, און עם כל זה פארשטיין אז וואס דער אייבירשטער האט געטוהן איז דער רצון ה'.

אבער ווען אהרן הכהן האט געהערט 'בקרובי אקדש', האט ער מורא געהאט אז מ'וועט אנפאנגען צו רעדן פון דאס גרויסקייט פון נדב ואביהו, וועט ער קומען צו א הרהור ח"ו אויפ'ן אייבירשטן - וועגן דעם האט ער געשוויגן... און אויף דעם האט ער באקומען שכר על שתיקתו, ווייל ער האט מורא געהאט אז ער וועט ח"ו באקומען אן הרהור ווען מ'וועט אנפאנגען רעדן פונעם נפטר'ס מעלות.

**אדמו"ר שליט"א:** דער אזולאי זי"ע ברענגט אין נחל קדומים אז ס'איז דא א מסורה ב"פ וידום: וידום אהרן (ויקרא שם), און וידום השמש וירח עמד (יהושע י, יג). זאגט ער אויך אז דער פשט איז, אז דארט איז דאך אויך געווען אביסל א צער פאר'ן שמש, ווען די לבנה האט גע'טענה'ט (חולין ס:) אין שני מלכים משתמשים בכתר אחד, און פונדעסטוועגן האט זי מקבל געווען און געשוויגן. מיט דעם טייטשן די מפרשים מאחז"ל (שבת פח:) הנעלבין ואינן עולבין וגו' עליהם הכתוב אומר (שופטים ה, לא) ואוהביו כצאת השמ"ש בגבורתו.

איז דאס א לימוד אויף 'וידום אהרן' אז אויב ס'איז דא אמאל עפעס א צער ח"ו און מ'איז עס מקבל, איז אזיווי ביי 'וידום השמש' שטייט ואוהביו כצאת השמש בגבורתו, איז דאס דער שכר פון דער וואס איז 'וידום' ביי דעם אויך.

**אבד"ק אברכים:** די וועלט ווייסט נישט גענוג וויפיל די רביצין ע"ה האט צוגעהאלפן להבחל"ח דעם רבי'ן שליט"א אויפצושטעלן דעם גאנצן בנין דא. די גמרא זאגט דאך אין ברכות (יז.) 'גדולה הבטחה שהבטיח הקב"ה לנשים יותר מן האנשים'. לכאורה איז דאך דאס א פלא'דיגע זאך: אונז זאגן דאך יעדן טאג 'שלא עשני אשה' ווייל זי האט דאך נישט די אלע מצוות עשה שהזמן גרמא, וואס איז די גדולה הבטחה לנשים נאך יותר מן האנשים? נאר די גמרא זאגט נאכדעם: נשים במאי זכיין? מיט דעם וואס זיי באגלייטן די מענער און זיי ווארטן אפ די קינדער!

אין אמת'ן זעהט נישט אויס אז זיי טוען ממש די


**מכון משפט אהרן** / ספרי הלכה הנוגעים למעשה לאור מציאות הענינים בזמננו

מכון משפט אהרן
ונשא אהרן את משפט בני ישראל

**ישמח לב חובבי תורה ושוחרי הלכה**

בשמחה רבה הננו מודיעים על הגלות נגלות אור חדש בעולם התורה וההלכה בהופעת

**הספר החדש "משפט המזוזה" - פסקי הלכה למעשה ואוצר הנהגות בענייני מזוזה**

**הספר המהודר והנפלא** פותח שערי אורה ומגיש כשולחן הערוך **עשרות פרקים** של **פסקי הלכה ודיני מזוזה • אלפי מראי מקומות וציונים • 150 ציורים צבעוניים מאירי עינים • פניני קודש במעלת וסגולת ושכר המצוה**

אשר בירר וליבן כשמלה חדשה ופרס בשפה ברורה ובנעימה רב האי גאון המאור הגדול לממשלת התורה מגדולי ההוראה, שכבר יצא שמו הטוב לתהילה בספריו החשובים אשר כבשו את מקומם הנכבד כספרי יסוד בעולם ההלכה

**כש"ת הרה"ג ר' אהרן ווידער שליט"א** - מו"צ בשיכון סקווירא ויו"ר המכון




**ניתן יהיה להשיג אי"ה בשבוע הבעל"ט בביהמ"ד בשיכון ובחנויות הספרים**

משכו וקחו לכם ברכה מרובה אל תוך בתיכם ובעז"ה יתענגו בו כל שוחרי דעת!

בכבוד רב; הנהלת המכון

תורה, אבער דער חיזוק און אלעס וואס זיי טוען פאר די תורה פונדערזייט, דאס ברענגט אז זיי זאלן נאך ווערן גרעסער ווי די אנשים! דאס איז דער פשט אין דעם.

**אדמו"ר שליט"א:** אמת, יא.

## הגה"צ ר' בצלאל טובי' וועטנשטיין שליט"א דומ"ץ בעלזא במאנסי

**הגרב"ט וועטנשטיין:** מ'דערציילט אז דער ערשטער בעלזער רב זי"ע האט געהאט אן אייניקל וואס איז אוועק ל"ע, ביי א טאכטער איז אוועק ל"ע א קינד, און די טאכטער האט זייער שטארק געוויינט. האט דער ערשטער בעלזער רב זי"ע איר געשיקט זאגן אז "וויינען איז נישט קיין אידישע מידה". זי איז געווען א מלומדת, האט זי צוריקגעשיקט זאגן: "ס'שטייט דאך (ירמיה יג, יז) 'במסתרים תבכה נפשי'!".

האט דער ערשטער בעלזער רב געזאגט: "ס'שטייט (שמות ה, טז) 'תבן אין ניתן לעבדיך', תב"ן איז ראשי תיבות ב'מסתרים ת'בכה נ'פשי, 'אין ניתן לעבדיך' דאס איז נישט געזאגט פאר יעדן איינעם, דאס איז נאר פאר'ן אייבערשטן אליין.

**אדמו"ר שליט"א** הזכיר את מאמר מהר"י מבעלזא לנכדו מהר"א בילדותו בליל הסדר ש"קושיות שואלים רק כמה שציוו חז"ל ולא יותר".

**הגרב"ט וועטנשטיין:** מ'דערציילט נאך אז דער פריערדיגער בעלזער רב זי"ע האט געמאכט פארשידענע שינויים ביים סדר, וויל ער האט געוואלט אז דער זוהן [מהר"א מבעלזא זי"ע] זאל שוין עפעס פרעגן. ווען ער האט איהם געפרעגט פארוואס ער פרעגט נישט, האט ער געזאגט: "אויפ'ן טאטן פרעג איך נישט, אויפ'ן טאטן זענען נישטא קיין קשיות"...

ס'שטייט פון די סלונימער רבי'ס אז "א-ל אדון על כל המעשים" איז א תירוץ אויף אלע קשיות!

**אדמו"ר שליט"א:** זי איז דאך געווען אן אייניקל פונעם אמרי חיים ז"ל - כ'האב געהערט נאכזאגן אז דער אמרי חיים האט אמאל געזאגט: די גמרא (פסחים צט:) זאגט 'מאן לימא לן דמתרצתא היא, דילמא משבשתא היא'? האט ער געזאגט אז מא"ן איז די ראשי תיבות א'ל מ'לך נ'אמן. 'מאן' אויב א איד ווייסט אז דער אייבערשטער איז א א-ל מלך נאמן, 'לימא לן דמתרצתא היא' איז אלעס גוט און ס'נישטא קיין קשיות; אבער 'דילמא' אויב מ'הייבט שוין אהן צו פרעגן פארוואס דאס און פארוואס דאס, דאס איז שוין 'משבשתא היא'...

## האדמו"ר מוויען פלעטבוש שליט"א

**האדמו"ר מוויען-פלעטבוש:** מיין טאטע [הגה"צ ר' יוסף ישראל זעגלבוים זצ"ל אבד"ק ווינא] פלעגט אלץ זאגן ביי א ניחום אבלים, אז יעדע נוסח וואס איז איינגעפירט ביי כלל ישראל האט דאך א מקור קדוש. וואס עפעס זאגן מען 'המקום ינחם אתכם'? אויב ס'גייט ארויף אויפ'ן רבוש"ע וואלט מען געדארפט זאגן 'הקב"ה ינחם אתכם'? נאר געווענליך ווען ס'ווערט ח"ו נפטר א ראש המשפחה, א טאטע אדער א מאמע, איז דען שייך א נחמה? ווען משיח וועט קומען וועט זיין תחיית המתים, אבער וואס איז די נחמה יעצט? מ'קומט דאך מנחם זיין, זי איז שוין נישטא און דער וואונד בלייבט אפן, ס'איז דאך אן אבידה שאין לה תמורה!

האבן די הייליגע חז"ל מתקן געווען און געזאגט: אין הכי נמי זי איז שוין טאקע נישטא, אבער 'המקו"ם ינחם אתכם' ווען מ'זעהט דאס פלאץ וואס זי האט אויפגעשטעלט דאס קען מנחם זיין. ווען מ'זעהט וואספארא געהויבענער מאן זי האט און וואספארא לעכטיגע קינדער, ווען מ'זעהט דעם גאנצן מקום וואס זי האט געהאט א גרויסן חלק אין דעם - דאס איז די נחמה.

**אבד"ק אברכים:** מיין שווער דער שטראסבורגער רב [הגה"צ ר' אברהם דוד הורוויץ זצ"ל חבר בד"צ העדה החרדית בירושלים] פלעגט אלץ נאכזאגן א תפארת שלמה (שער הקר"ש) על מש"א 'עזרת אבותינו אתה הוא מעולם', אז ווען א מענטש גייט אוועק פון דער וועלט ל"ע, אויף יענע וועלט איז דאך שוין נישטא קיין יצר הרע. וויאזוי ווערט די נשמה נתעלה אויף יענע וועלט? דורך די קינדער וואס זי האט איבערגעלאזט אויף דער וועלט, דאס ברענגט אז זי זאל כסדר האבן אן עלייה.

טייטשט ער: 'עזרת אבותינו' וויאזוי ווערן די עלטערן געהאלפן אויף יענע וועלט, 'אתה הוא מעולם' דורך וואס זי האט איבערגעלאזט אויף דער וועלט, און וויבאלד זי פילט אז זי ווערט נתעלה פון די קינדער וואס זי האט איבערגעלאזט, ממילא 'מגן ומושיע להם ולבניהם אחריהם בכל דור ודור' איז זי קיינמאל נישט מסיח דעת פון די קינדער און אייניקלעך און זי בעהט פאר זיי אלעמאל.




מיטוואך | דאנערשטאג | פרייטאג

ימים המיוחדים צו שטעלן ישיבה על קברו און מסיים זיין ש"ס

**הרה"ג ר' יוסף טויבנפעלד שליט"א אבד"ק חרדים במאנסי**

**אבד"ק חרדים:** ס'שטייט אין תפארת שלמה (חיי שרה) אז די ערשטע תנחומי אבלים טרעפט מען, ווען דער אייבערשטער האט געטרייסט יצחק ווען ער איז געזעסן שבעה ל"ע נאך אברהם: ויהי אחרי מות אברהם ויברך אלוקים את יצחק בנו (בראשית כה, יא) ואמחז"ל (סוטה יד.) ניחמו תנחומי אבלים. זאגט דער תפא"ש אז דער אייבערשטער האט איהם געטרייסט אז "ס'וועט זיין תחיית המתים". דאס איז די איינציגע זאך וואס האט געקענט טרייסטן יצחק'ן[ג].

מ'זעהט אן אינטערעסאנטע זאך: די גמרא זאגט אין פסחים (נד:) גזירה 'על המת שישתכח מן הלב'. דער אייבערשטער האט געמוזט מאכן א 'גזירה' שישתכח מן הלב, ווייל פון א לעבעדיגע זאך פארגעסט מען נישט! דאס גיבט דער גרעסטער חיזוק, און מיט דעם טרייסט מען אז ס'גייט זיין 'תחיית המתים', והא ראיה אז ער האט געמוזט מאכן א 'גזירה' על המת שישתכח, ווייל ווען נישט וואלט מען נישט פארגעסן.

מיט דעם איז זייער גוט פארוואס מ'זאגט 'המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים', ווייל דער נועם מגדים (אמרות טהורות על תהלים) ברענגט עה"פ (תהלים קלז, א) על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו בזכרינו את ציון, אז 'ישבנו' מיינט אז אונז האבן זיך בארואיגט 'גם בכינו' אפילו ווען אונז האבן געוויינט אויפ'ן חורבן, פארוואס? ווייל אפילו אונז זענען נאך אין בבל 'בזכרינו את ציון' געדענקט מען נאך אויף ציון, זעהט מען אז ס'איז א לעבעדיגע זאך. ווען ס'וואלט נישט געלעבט וואלט מען נישט געוויינט, האט מען זיך בארואיגט אז ס'איז יא א לעבעדיגע זאך.

זאגט מען פאר די אבלים: פון דעם אז דער אייבירשטער האט געמוזט מאכן א 'גזירה' שישתכח, דאס איז די גרעסטע ראיה אז בעצם איז דער נפטר א לעבעדיגע זאך! פונקט ווי מ'וויינט שוין באלד צוויי טויזנט יאר אויפ'ן חורבן ביהמ"ק ווייל ס'וועט צוריקקומען, וועט דער נפטר אויך צוריקקומען ביי תחיית המתים. דאס איז די גרעסטע תנחומי אבלים, אזוויי דער אייבירשטער האט געטרייסט יצחק אז ס'וועט זיין תחיית המתים.

**אדמו"ר שליט"א:** פונעם ערבי נחל זי"ע איז דא א ספר אויף איכה וואס איז איינגעטיילט, איין חלק אויפ'ן חורבן און איין חלק אויף די נחמה. אין 'כל המתאבלים' טייטשט ער איין אלס א הספד אויפ'ן חורבן, און דער חלק פון 'משוש' טייטשט ער איין די זעלבע פסוקים פון איכה אלעס אויף די גאולה וואס וועט זיין. ער רעדט דארט אסאך פון די בחינה, און ער טייטשט אסאך איין פסוקים אויף דעם, אז וויבאלד ס'האט לאנג געדויערט און מ'געדענקט עס נאך, איז א סימן אז ס'איז א חי[ד].

כשעבר מוה"ר משה שמואל מלמד מנכ"ל בית ציפורה בב"פ ועסקן לנסיעות רבינו, אמר לו **אדמו"ר שליט"א:** יעדע יאר פלעגט זי דאך קומען אין 'בית ציפורה'.

[**וסיפר רמ"ש:** זי פלעגט קומען רעדן פאר די תלמידות. און חוץ דעם ביי אלע מסעות קודש פונעם רבי'ן, האבן אלע מוסדות געמוטשעט אז די רביצין ע"ה זאל קומען רעדן אין די אלע מיידל שולעס, און זי פלעגט גיין און אויפטרערן מיט דרשות און געטיילט סידורים אדער תהלימ'ס, און מ'הערט כסדר צוריק אז ס'האט געהאט א געוואלדיגע השפעה אויף די אלע תלמידות און זייערע דורות. אין יעדע פלאץ איז מען געווען זייער איבערגענומען. ס'האט זיך אפילו געמאכט אמאל אין איין פרייטאג, אז זי האט גערעדט אין דריי פלעצער אויף

ג. וזל"ק בתפא"ש שם: "ויהי אחרי מות אברהם ויברך אלוקים את יצחק בנו, פרש"י נחמו תנחומי אבלים. **וכשנתבונן על מרירת נפשו של יצחק כשמת אביו על פניו, הנה אמנם כמוהו לא נהייתה מן העולם ואחריו לא יהיה כן.**

"כי הנה יצחק אך הוא ידע והבין גודל מעלת אאע"ה **שהוא היה יחיד הראשון בעולמו שהתגלה אלקותו ית"ש בכל העולמות, וכל העולמות הם תלוים רק על פיו ורוחו של א"א, כי רק עליו היה הכוונה בתחלת הבריאה, ובכל יום התהלך ממדריגה למדריגה עד אין תכלית ואין סוף, וכל שעשועיו של הש"י ב"ה רק באברהם** כמ"ש אברהם אוהבי (ישעיה מא, ח).

"לכן כאשר פתאום חלף והלך לו ממנו **לא היה יכול למצוא מרגוע לנפשו כי כמוהו לא נהייתה מתחילת בריאת העולם עד אברהם ואחריו לא יהיה כן**, כי יש צדיקים רבים העובדים את ה' תמיד (אבל לא כאברהם). לכן **לא היה יכול להתנחם זולת אשר יבא העת אשר יקיצו ישיני עפר ויחיו המתים וישוב אביו אליו.** וזהו שהתנחם ותיקן ברכת מחיה מתים 'ונאמן אתה להחיות מתים' זהו הוא שעשועיו של הש"י. ולכן גם הש"י נחמו בתנחומי אבלים ע"ז כי ישוב להחיות מתים ויעבדו את ה' לעולם אמן".

**ד.** וזל"ק ב'משוש' על מגילת איכה (פ"א ד"ה עוד ראיה שנית): "עוד ראיה שנית שעוד יחזור אליכם כי 'בכה תבכה כו' אין לה מנחם (איכה א, ב)', שאינה מקבלת תנחומין כי אין מקבלין תנחומין על החי (תנחומא, וישב ח), וזה דומה לחי ולכן אינכם מקבלין תנחומין. וכן פירשו המפרשים (מכות כד.) גבי שהיה רבי עקיבא משחק ואמר לו 'לכך אני משחק', פירוש על זה עצמו שאתם בוכים ואינכם מקבלים תנחומים לכן אני משחק, שאני רואה שהוא דבר חי וזהו ראיה על הגאולה".

דריי שפראכן: אויף לשון הקודש, אויף אידיש און אויף ענגליש...]

**אדמו"ר שליט"א:** דאז"ה די זכותים זאלן זיין א טובה אי"ה.

### משלחת עסקני גור

**הנדיב מוה"ר שלמה ורדיגר** שי' יו"ר אגודת ישראל דאמריקה: דער בית ישראל מגור זצ"ל האט אמאל געזאגט, אז דער אייבירשטער שטעלט צו אן 'עזר כנגדו (בראשית ב, יח)' ווילאנג זי קען, און נאכדעם ווען זי קען שוין נישט ווערט דער אייבירשטער אליין דער 'עזר כנגדו'! דער אייבירשטער זאל העלפן טאקע ער זאל זיין אן עזר פאר'ן רבי'ן, אז דער רבי זאל קענען ווייטער ממשיך זיין ביתר שאת וביתר עוז.

**העסקן מוה"ר פינחס גולדברג:** ווען דער פני מנחם מגור זצ"ל איז געווען א יונגל אום תרצ"ד, איז זיין ברודער הרה"צ ר' איטשע זצ"ל נפטר געווארן ל"ע. ער האט געהאט א מלמד א קאמענדאנט וואס האט געהייסן הרה"ח ר' בונם ליקאוואר ע"ה, און ער האט געזאגט פאר'ן פני מנחם: "אב"ל איז ראשי תיבות א'יך ב'ין ל'וסטיג". האט ער געפרעגט דעם טאטן צי דאס איז אמת, האט דער אמרי אמת זצ"ל איהם געענטפערט: "אב"ל איז ראשי תיבות א'לעס ב'ונם ל'יקאווער". אז דאס קומט אלעס פונעם מלמד...

**אדמו"ר שליט"א:** פונעם לובלינער זי"ע שטייט עה"פ (תהלים קו, מד) וירא בצר להם וגו', אז ויר"א איז א לשון געפעלן. וזהו 'וירא' דער אייבירשטער זעהט און איז מקבל תענוג, אז אפילו ווען ס'איז 'בצר להם' פאלט מען נישט אריין אין קיין עצבות, נאר 'בשמעו את רינתם' אפילו בצר להם! מ'לאזט זיך נישט ארייפאלן אין קיין עצבות ח"ו, נאר בשמעו את רינת"ם. אזויווי מ'זאגט 'איך בין לוסטיג'...

### האדמו"ר מתולדות מרדכי שליט"א מלעיקוואוד

**אדמו"ר שליט"א:** מ'האט געשמועסט אז מ'מעג רעדן פון שמחה אויך - והתעניין רבינו מתי יתקיימו נישואי בתו עב"ג החתן חיים יחיאל אשרי שי' מתלמידי ישיבה"ק.

**האדמו"ר מתולדות מרדכי:** אום אלול אי"ה, נאך א לענגערע צייט...

**אדמו"ר שליט"א:** אויב מ'טראכט שוין פון דעם און מ'גרייט זיך שוין צו, הייבט זיך שוין יעצט אהן די שמחה!..

**האדמו"ר מתולדות מרדכי:** כ'האב זיך אסאך געדרייט דארט ביי די מומע הרבנית ע"ה אין שטוב, אין די תש"ל-תש"מ יארן.

**הרה"צ הרא"מ:** אלס בחור ביסטו אסאך מאל געווען דא.

### האדמו"ר מסקווירא-פלעטבוש הרה"צ ר' דוד טווערסקי שליט"א

**האדמו"ר מסקווירא-פלעטבוש:** מיין טאטע [האדמו"ר רבי מרדכי מסקווירא-פלעטבוש] ז"ל איז אמאל געווען מיט'ן פעטער [אחיו האדמו"ר רבי דוד מסקווירא-בארא פארק] ז"ל ביים טאטן [כ"ק מרן זי"ע] אין שטוב, און פונקט דעמאלס איז דער אמרי חיים מויז'ניץ זצ"ל געווען דארט אויף א באזוך. דער אמרי חיים האט געטיילט פירות פאר'ן עולם, און ווען ער האט געגיבן פאר'ן פעטער האט דער פעטער נישט געוואלט נעמען... און מיין טאטע האט יא גענומען אבער ער האט עס נישט געגעסן...

נאכדעם וואס דער אמ"ח איז ארויסגעגאנגען, האט דער טאטע מרן ז"ל זיך געווערטעלט מיט מיין טאטן: "נו, ווער איז א גרעסערער חסיד? דו אדער דער ברודער?"... האט דער טאטע געזאגט: "אודאי דער ברודער"...

### האדמו"ר מסערדאהעל שליט"א

**האדמו"ר מסערדאהעל:** כ'געדענק נאך דעם 'שבת באווארפן' פונעם רבי'ן זאל זיין געזונט, שבת נחמו תשי"ט. כ'בין געווען דא דעמאלס, און כ'בין מיטגעפארן ווען מ'האט זיך געזעגנט [לקראת הנסיעה לארה"ק].

**אדמו"ר שליט"א:** דער טאטע [הגה"צ ר' יהושע כ"ץ זצ"ל אבד"ק סאמבאטעלי] איז אסאך מאל געווען 'מוהל' ביי אונז אין ביהמ"ד אין וויליאמסבורג, ווען דער טאטע ז"ל איז געווען 'סנדק'. כ'געדענק אז דער טאטע ז"ל האט משבח געווען דאס 'מוהלות' פונעם טאטן.

**הרה"צ הראמ"מ:** דאכט זיך מיר אז דער רב האט אמאל אריינגעקוקט פון די פענסטער ביים זיידן ז"ל ביי די חנוכה לעכט. דער רב איז געשטאנען אויף א בערגל און אריינגעקוקט...

**האדמו"ר מסערדאהעל:** פונוואנעט ווייסט איהר דאס?..

**הרה"צ הראמ"מ:** כ'האב עס אמאל געהערט פון אייך, כ'האב נישט קיין רוח הקודש...

**האדמו"ר מסערדאהעל:** אין די ערשטערע יארן דא זענען נאך די פענסטערס געווען אפן, און ווען מ'איז געשטאנען

פונדערוויטנס האט מען געקענט ארייזעהן. בעיני ראיתי, כ'האב אליין געזעהן נאך אלס בחור ווי דער רבי ז"ל האט געזאגט זיינע זאכן אזוי, און ער האט מוריד דמעות געווען. ווען ער האט געענדיגט האט ער געמאכט אזוי מיט די הענט [שניגב את דמעות עיניו בידיו והרטיב בהם את מצחו הק'].

**אדמו"ר שליט"א:** איינער האט פריער דערמאנט דא דעם פסוק 'במסתרים תבכה נפשי'... איהר זאגט אז ס'איז געווען דארט פארמאכט אין שטוב.

**האדמו"ר מסערדאהעל:** די גמרא (סנהדרין כב:) זאגט 'אין אשה מתה אלא לבעלה'. מ'לערנט דערין פשטים וואס דער ענין איז, אבער מ'זעהט א דבר פלא: 'ויבוא אברהם לספוד לשרה ולבכותה (בראשית כג, ב)'. ער האט דאך געהאט א זוהן יצחק, וואס איז מיט דער גרויסער יצחק אבינו? ער האט דאך זיכער געדארפט מספיד זיין די מאמען, און די תורה רעדט גארנישט פונעם הספד פון יצחק? נאר זעהט זיך אויס אז לויט'ן הספד פון אברהם אבינו, לויט וויפיל אברהם אבינו האט פארשטאנען אין שרה, האט שוין די תורה נישט געקענט רעדן פון יצחק אבינו'ס הספד.

אודאי האט יצחק אבינו אויך מספיד געווען, אזוי איז מסתבר, אבער די תורה רעדט נישט דערפון נאר פון 'ויבוא אברהם לספוד לשרה' - ווייל נאר ער האט געוואוסט וואס די דרגא וואס שרה איז געווען.

## האדמו"ר מחוסט-נאדבורנא בק"י הרה"צ ר' יצחק לייפער שליט"א

**האדמו"ר מחוסט-נאדבורנא:** ווען דער זיידע דער ר"ר מרדכי'לע מנדבורנא זי"ע איז געגאנגען מלווה זיין די רביצין הרבנית חיה ע"ה, וואס איז געווען א טאכטער פון הג"ר שמעלקא טויבש זצ"ל רבה של יאס, האט דער זיידע רבי מרדכי'לע זיך אפגעשטעלט אינמיטן און געהייסן אויפדעקן די מיטה. אזוי האט ער דאך איר נישט גערופן ביים נאמען, און דאס איז געווען די איינציגע מאל אין לעבן וואס ער האט דערמאנט איר נאמען, און ער האט געזאגט: "חיה, וואס ביסטו אזוי דערשראקן? די הונדערט און זעכציג בילקעס וואס דו האסט פארטיילט פאר ארימעלייט יעדן ערב שבת, וועלן דיר אנטקעגן קומען! וואו דו וועסט גיין זאלסטו זאגן אז דו ביסט מרדכי'לעס ווייב, און אויב דו וועסט וועלן וויסן וואו דיין פלאץ איז, דארט וואו דו וועסט זעהן אז דיין 'שערי ציון' ליגט".

מ'זאגט אז ווען מ'איז אהיימגעקומען נאכ'ן לויה, האט מען נישט געטראפן איר 'שערי ציון' אויפ'ן פלאץ; און דעם ר"ר מרדכי'לעס צורה איז גלייך נשתנה געווארן ממש אז מ'האט איהם נישט דערקענט.

**אדמו"ר שליט"א:** מ'זאגט אז ער האט דערמאנט דעם זכות [של חלוקת חלות לעניים] - ס'שטייט דאך (שבת קכז.) 'גדולה הכנסת אורחים'!

**האדמו"ר מחוסט-נאדבורנא:** נאך אפאר יאר האט ער נאכאמאל חתונה געהאט בזיווג שני אויף א קורצע תקופה. מ'דערציילט אז ווען די צווייטע רביצין [אלמנת הג"ר גרשון מאילינוב זצ"ל] פלעגט קומען צום זיידן רבי מרדכי'לע זיך מזכיר זיין בחייה פון די ערשטע רביצין, האט די רביצין געזאגט: "לאזטס איר נישט אריין, זי וויל מיך צונעמען מיין מאן". מ'האט נישט געוואוסט וואס זי וויל, ביז מ'האט שפעטער געכאפט ווען ער האט חתונה געהאט מיט איר בזיווג שני.

דא אין פארט-העמילטון האט געוואוינט כ"ק האדמו"ר ר' חיים שלמה מחוסט-טאהש זצ"ל. ער איז געווען אן איידעם ביי מיין עלטער זיידן הרה"ק רבי ישראל יעקב מחוסט זי"ע [בן מהר"מ מנדבורנא], און ער איז נאך אהערגעקומען פאר די צווייטע וועלט מלחמה. ער האט געהאט א טאכטער וואס איז אוועק ל"ע זייער יונג ביי די זיבן יאר, האט דער זיידע רבי ישראל יעקב געוואלט בארויגן דעם איידעם, האט ער איהם געזאגט: "מיין מאמע די רביצין חיה ע"ה איז אלט געווען דריי און זעכציג יאר, ס'האט איר געפעלט נאך "זיבן יאר" צו די זיבעציג. דיין טאכטער איז געווען די נשמה פון די באבע חיה, און מער ווי זיבן יאר האט זי נישט געדארפט".

## המחותן האדמו"ר מבריזדוביץ שליט"א

**האדמו"ר מבריזדוביץ:** דער זיידע הרה"ק רבי יהושע'לע פראכניקער זצ"ל מזידיטשוב איז דאך געווען זייער נאנט מיט'ן רבי'ן ז"ל נאך פונדערהיים.

ער איז דאך געווען אן אייניקל פונעם מיטעלן בעלזער רב זי"ע [כי אביו הרה"ק רבי אשר ישעיה אייכנשטיין מפראכניק זי"ע היה חתן הרה"ק רבי יחיאל מקרילוביץ זי"ע חתן מהר"י מבעלזא זי"ע] און ער האט דאך טאקע געהייסן 'יהושע' נאך איהם.

**אדמו"ר שליט"א:** יא, ער האט געוואוינט אין גרויסווארדיין. די מאמע ע"ה מיט די שוועסטערס זענען

געוואוינט זייער זייער נאנט מיט זיינע טעכטער, אלע יארן.

**האדמו"ר מבריזדוביץ:** דאס ערשטע מאל וואס איך בין געקומען קיין סקווירא איז געווען, ווען מיין מאמע'ס מאמע די באבע הרבנית ברכה פריידא ע"ה איז געקומען דא צום רבי'ן. זי איז געווען די רביצין פון רבי יהושע'לע, זי איז נאך געווען דא אין אמעריקא.

מיין מאמע'ס מאמע הנ"ל האט געהאט א מופת פון א טאכטער פונעם מיטעלן בעלזער רב, די ציעשינובער רביצין הרבנית פריידא ע"ה.

ווען מ'האט גענומען מיין פעטער הרה"צ ר' נתן אייכנשטיין זצ"ל אלס בחור אין מיליטער, האט מיין באבע דאס נישט אויסגעהאלטן אז אירס א בחור זאל מען נעמען אין מיליטער! איז זי נאכגעגאנגען און נאכגעפארשט ביז זי איז געוואויר געווארן אז מ'האט געפירט די גאנצע גרופע סאלדאטן קיין סאניק. איז זי אהינגעגאנגען און זי האט געבעטן די מיליטער מ'זאל באפרייען איר זוהן. האט דער געהילף דארט איר געזאגט: "דו מיינסט אז נאר דיין זוהן האט א מאמע, אלע האבן זיי מאמעס"...

נו וואס טוהט מען דא? גייט זי ארויס צום ציון פון די מומע הרבנית פריידא ע"ה [אשת הרה"ק רבי שמחה ישכר בער מציעשינוב זי"ע בן הרה"ק משינאווא וחתן מהר"י מבעלזא], וואס איז נעבעך אוועק ל"ע און מ'האט איר געלייגט דארט אין סאניק, און זי האט געשריגן: "מומע, דו מוזט מיר דא העלפן! כ'מוז זעהן מיין זוהן נתן ארויס פון די מיליטער". נאכדעם וואס זי האט זיך דארט אויסגעוויינט איז זי צוריקגעגאנגען צום מיליטער, און דער אויפזעער פרעגט איר: "וואס טוסט נאך דא? יעצט ווען דו ביסט נישט דא געווען האב איך איהם שוין באפרייט, און ער איז שוין אוועקגעפארן!". אז זי האט דארט מתפלל געווען, האט מען דארט באפרייט...

**אדמו"ר שליט"א:** אייער שוויגער הרבנית רעכל דבורה ע"ה [אשת כ"ק האדמו"ר הרצ"ה מסטריזוב שליט"א] מיט איר מאמע הרבנית חנה רחל ע"ה [אשת הרה"ק ר' אריה לייביש מטאמשוב זצ"ל], פלעגן דאך דאוועגען ביי אונז אין וויליאמסבורג. זי איז געווען אן אייגענע אייניקל פונעם מיטעלן בעלזער רב זי"ע און פונעם שינאווער רב זי"ע. ס'איז געווען א ייחוס, ווייל ס'נישט געווען קיין סאך אין יענע יארן וואס זענען געווען אייגענע אייניקלעך פון די צווי.

ויקומו לנחם בברכת תנחומים.

✵ **עקב הסתלקותו לגנזי מרומים ל"ע של כ"ק האדמו"ר מביאלא הרה"ק ר' בצלאל שמחה מנחם בן ציון רבינוביץ זצוק"ל בעל 'מבשר טוב' מירושלים, בנו של הרה"ק בעל חלקת יהושע מביאלא זצוק"ל וחתנו של הגה"צ ר' אברהם משה באב"ד זצ"ל אבד"ק סאנדערלאנד באנגליה, שנודע כצדיק וקדוש מנעוריו והיה מפורסם כגאון עצום בכל מכמני**

בית הוראה
"**בית הוראה**" שע"י **קהל צמח דוד דשיכון סקווירא** / בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
~ באשר ירים מש"ה את ידו וגבר ישרא"ל ~
בלב הומה ונרגש ברנה ובצהלה, מעומק הלב עלה נעלה, ברכת מזל טוב סלה, למכובדנו מרביץ תורה מלוא חפניים, בעומקה של הלכה מגביר חיילים, מרומם קרן בית ההוראה לתפארה, דולה ומשקה מעיינות תורה
**כש"ת הרה"ג ר' משה ישראל אדלער שליט"א** - מנהל "בית ההוראה" ומראשי הכוללים
**אשר לצד מסירותו העצומה כל השנה להרמת קרן בית ההוראה ובפרט בשיעורי "הבית בהיבנותו" וגליוני "קול ההוראה" שכבשו את העולם, אחרון הגדיל לשכלל ולשדרג את ה"פסח ליין" פי כמה, כאשר מתחילת החורף כבר שקדו להזין ולצרף למערך הממוחשב עוד אלפי מוצרים, ובעצמו טרח וכיתת רגליו לכמה חנויות יין ושאר חנויות לוודא שכל המוצרים הועלו במערכת, וכך נתנו מענה ל"מאה ושבע אלף" שאלות על באר-קאודס, כפליים מאשתקד, והרבנים הגאונים שליט"א זכו להשיב בפרטיות ל-14,000 שאלות על כשרות מוצרים לפסח**
ורגשי הוקרה והתפעלות, מקרב ולב עולות, אל מע"כ ידידנו איש החסד וברוך הכשרון **מוה"ר אהרן יודל שטערן הי"ו**
**אשר השליך נפשו מנגד לבנות ולשכלל את ה"פסח ליין" סיסטעם ברוב מומחיות להנאת רבבות אלפי השואלים**
ברכתנו תהי נא לראשך עטרת, שתהא תורה על אכסניה שלה מחזרת, ותתענג על רוב טובה בשמחה נהדרת.
חברי ועד ההנהלה המאחלים בלו"נ: מנחם מענדל בערגער, יחיאל מיכל אייזנבערג, יוסף פישל ויחזקאל לעפקאוויטש

התורה ושפט את ישראל כרבה של לוגאנו בשווייץ למשך שלושים שנה וחיבר כמאה וחמשים ספרים חשובים בכל המקצועות בעיון והלכה דרוש וחסידות, ונתבקש לישיבה של מעלה בבוקר יום וערש"ק פרשת 'קדושים תהיו' ב' באייר אחרי שמונים ותשע שנות הנהגה והרבצת תורה וחסידות - מביאים אנו בזה בס"ד פניני שיח מתוך כמה שיחות קודש בעת פגישותיו עם יבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

## ויין ישמח לבב אנוש

**האדמו"ר מביאלא זצ"ל** הראה על הכיבוד: אין די תורה שטייט (בראשית יד, יח) 'הוציא לחם ויי"ן'...

**אדמו"ר שליט"א:** ס'שטייט דאך (תהלים קד, טו) 'ויין ישמח לבב אנוש'.

זכורני פעם כאשר היה כ"ק אאמו"ר ז"ל בוויליאמסבורג באחת משבתות הקיץ, הגיע אז חתן לסעודה שלישית והמנהג אצלינו שלא נותנים לחיים בסעודה שלישית רק אם היה שם חתן. היה כבר קרוב לחצות הלילה ולא היה יין, ולפני ברהמ"ז שאל אאמו"ר ז"ל איפוא היין לתת לחיים. הלכו לחפש פה ושם ואף הלכו לחפש חנות שעדיין פתוחה בשעה מאוחרת ולא מצאו, ואאמו"ר ז"ל כבר סיים את זמירות 'א-ל מסתתר' והמתין זמן ניכר כרבע שעה, ער איז געשטאנען און געווארט און געווארט ולא רצה לברך ברהמ"ז, עד שלבסוף מצאו והביאו יין.

אח"כ שאלו את אאמו"ר ז"ל שהרי ראה שאין כאן יין ומה פשר ההמתנה. נענה אאמו"ר ז"ל ואמר: "הרי חז"ל אמרו (ברכות ו:) 'כל הנהנה מסעודת חתן ואינו משמחו' טויג דאך נישט, נו איך ווייס צי כ'בין משמח דעם חתן צי נישט? אבער אז מ'גיבט לחיים זאגט דאך דער פסוק אז ס'איז משמח, 'ויין משמח (שם)'!"...

**האדמו"ר מביאלא זצ"ל:** הרה"ק משינאווא זי"ע היה גם נוהג שבכל שמחה היה מוזג כוס יין להחתן, וגם כן מהטעם האמור 'ויין ישמח'. כנראה רק ביין נאמר שזה משמח, אבל יי"ש איז אן אנדערע סארט שמחה, ס'איז נישט די זעלבע סארט שמחה ווי ביי וויין.

## יי"ש מסוגל לרפואה ופרנסה

**האדמו"ר מביאלא זצ"ל** ביקש לכבד ביי"ש ואמר רבינו שאסור לו לשתות מחמת הבריאות, ואמר האדמו"ר מביאלא זצ"ל: דער רבי זאל זיין געזונט! דער שידלובצער זיידע זי"ע פלעגט זאגן אז "בראנפן איז מסוגל אויף רפואה", פארוואס? ווייל מ'מאכט אויף דעם שהכל נהיה ב'דברו' און ס'שטייט (תהלים קז, כ) ישלח 'דברו' וירפאם.

און כ'האב נאך א מקור אויף דעם: דער גאנצער ענין פון בראנפן איז נישט געווען בימי התנאים והאמוראים,

**ביהמ"ד תולדות יעקב יוסף דחסידי סקווירא - וועסלי הילס** / בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

אין לנו אלא דברי עמר"ם

**א**שרינו שזכינו - נודה לקל עושה פלא, **ל**הזכי' הזה האהובה והגדולה יום יום שוהה בתוכינו איש הנעלה, **ע**ושה רוח התורה בתוך השטיבל בקול צהלה, **ז**ה שקנה חכמה במדה גדושה ומעולה, **ר**ואים זאת עין בעין בלי ספק ושאלה, **ע**ל זאת שבחו אהובים, **מ**זל טוב ויישר כח יחד משולבים, **ר**בים ההרגשים הנלהבים, **מ**עין דמעין אין לומר ואין כותבים

**כש"ת הרה"ג ר' אליעזר עמרם אייזנבערגער שליט"א**

**מרביץ תורה ומגי"ש מומחה בשטיבל ומו"ץ בוועסלי הילס**

**לרגל השמחה הגדולה בלידת בתו היקרה שתחי' למזל טוב**

**א**ין אומר ואין דברים, **י**דענו כי אין אנו גומרים, **י**ראת ה' משפיע בשערים, **ז**רעו לעולם יהיו לדור דורים, **ע**ד עולם טובים וכשרים, **נ**צח סלה ועד כל השנים **ב**תוך כל ישראל עם נבונים, **ע**מהם יהי דשנים ורעננים, **ר**ב שמחה ונחת יראה מכל הבנים, **ג**דולים וטובים תהיו כל השנים, **ע**ד ביאת משיח תמים, **ר**אות פני אלקים בביתו נזכה כל הימים.

בתודה וברכת השמחים בשמחתו: גבאי ומתפללי ה"ווסלי שטיבל"

אין די גמרא געפונט מען נאר וויין אדער שכר. נאר ווען ס'איז געווען דער גירוש ספרד, האבן צדיקים געפרעגט: וואס וועט זיין מיט פרנסה פאר אידן? האט מען געזאגט אז ס'וועט ארויסקומען א נייע משקה: "בראנפן", און דאס וועט זיין די ישועה פאר אידן.

בראנפן קומט פון 'אמעריקא', און רייכערן טאבאק איז אויך געקומען פון אמעריקא. קומט דאך אויס אז דאס איז געקומען אלס א סיבה פון פרנסה פאר אידן, מוז דאך דאס האבן א ספעציעלע סגולה אין זיך..!

**אדמו"ר שליט"א:** מ'רעדט וועגן בראנפן - ס'איז א פלא'דיגע זאך: הרה"ק רבי אלישע גארליצער זצ"ל, אז זוהן פונעם גורליצער רב זי"ע, האט געהאט א זוהן הה"צ ר' מענדעלע זצ"ל וועלכער האט געוואוינט אין אמעריקא, און ער פלעגט כסדר קומען צום טאטן ז"ל, אויף ר"ה ויוה"כ און אויף שבועות וכדומה. ער איז געווען דער עלטסטער זוהן פון רבי אלישע, אן איידעם ביים דיבעצקער רב זצ"ל, און ער איז געווען אסאך יארן אין בעלזא. ער האט נאך געדענקט דעם טאטן ז"ל'ס חתונה.

האט ער דאס מיר כמה וכמה פעמים דערציילט. ס'איז א חידוש פון א זאך, ס'איז שווער נאכצוזאגן, אבער אז ער האט מיר דאס דערציילט, זאג איך עס נאך: דער עלטער זיידע הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע איז געזעצן קעסט אין טשערנוביל קרוב צו פיר יאר. אין בעלזא האט מען פסח נישט געטרונקען קיין בראנפן, און אין טשערנוביל האט מען עס געמאכט אין שטוב פון ווייץ מיט עסיג, און מ'האט עס נישט ארויסגענומען פון שטוב - האט מען יא געטרונקען בראנפן.

שפעטער ווען רבי ישכר דוב איז אהיימגעקומען צום פאטער דער מיטעלער בעלזער רב זי"ע, האט איהם דער פאטער געפרעגט: וואס האסטו געטוהן פסח מיט די בראנפן? האט ער איהם געענטפערט: כ'האב נישט געטרונקען ווייל אין בעלזא טרונקט מען נישט, אבער ווען דער אלטיטשקער הרה"ק רבי אהרן טשערנאבלער האט עס מיר געגיבן, האב איך עס יא געטרונקען. האט איהם דער פאטער געזאגט: "זייער גלייך האסטו געטוהן, ווייל כ'האב אמונה אז אפילו ווען ס'וואלט געווען ... [כ'וויל נישט זאגן דעם לשון וואס ער האט געזאגט..!], אויב ער האט דאס גענומען אין די האנט, איז עס זיכער גוט געווארן!".

כ'וואלט עס נישט נאכגעזאגט ווען נישט וואס ער האט מיר געזאגט אפאר מאל, אז ער האט דאס אליין געהערט פונעם עלטער זיידן ז"ל..!

**אדמו"ר שליט"א** ביקשו שלא יטרח ללוותו.

**האדמו"ר מביאלא זצ"ל** אמר בשם אחד הפוסקים פארוואס מ'איז נישט נוהג אזוי היינט אין מצות לויה, האט ער גע'טענה'ט ווייל אומעטים זענען דא מענטשן, נאר אין א מדבר איז דא א סכנה.

**אדמו"ר שליט"א:** פארצייטנס האט עס געהייסן אז מ'גייט באגלייטן אלס סכנה ח"ו.

**האדמו"ר מביאלא זצ"ל** אבער דאך איז דא אן ענין פון

מפעל התורה **שארית לפינחס העולמי** דחסידי סקווירא
ע"ש הרה"ק ר' פינחס מאסטילא זי"ע הי"ד | **בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

שארית לפינחס העולמי

**רבותי, ההרשמה למבחן השלישי החלה!**

**בני תורה, בעלי בתים, אברכי כולל, עסקני ציבור, זקנים וצעירים!**
לאור ההצלחה הכבירה בס"ד ביום המבחן השנתי השני בכ"ג אדר-שני שעעל"ט, כאשר אלפי אנ"ש קצרו פרי עמלם בכל מקצועות התורה בסיפוק עצום

שמחים אנו להודיע לכל אנשי שלומינו בכל בתי מדרשינו ברחבי תבל, כי
**נפתחה ההרשמה למבחן השלישי של תשפ"ד**
שייערך אי"ה ביום א' פינחס ט"ו תמוז הבעל"ט להיבחן בכל מקצועות התורה בכל ריכוזי אנ"ש
~ ניתן להירשם עד יום ראשון פרשת נשא, ג' סיון הבעל"ט ~

**תשלום מיידי • קשר ישיר עם כל נבחן • כל מקום שלבו חפץ • כל רבע שנה**
החכם עיניו בראשו להזדרז ולהירשם אצל נציגי המפעל בכל שטיבל
בטלפון: 845.354.9555 / או במייל: Office@SLHaolumi.org

**ארה"ב** וויליאמסבורג • בארא פארק • לעיקוואוד | מאנטריאל **ארה"ק** ירושלים • בני ברק • בית שמש • ביתר **אייראפע** לאנדאן • מאנטשעסטער • אנטווערפען

לויה, אין מקרא יוצא מידי פשוטו..!

## מצות כיסוי הדם בכל יום

**אדמו"ר שליט"א:** כ'האב מקיים געווען דעם 'קבע"ת עתים לתורה (שבת לא.)', די ספה"ק זאגן נאך אז "מ'גנב'ט" צייט... א לשון פון וקבע את קובעיהם נפש (משלי כב, כג). די אנדערע וואך פאר איך אי"ה אוועק אויף אפאר וואכן צו מאכן בעדער אביסל.

**האדמו"ר מביאלא זצ"ל:** דארט לאזט מען כאטש יא מנוחה אביסל? היינט זענען דא די אלע 'אמצעים', מ'קען היינט נישט אנטלויפן פון אידן...

